בס"ד. שיחת יום ד׳ פ׳ עקב, כ"ף מנחם-אב ה׳תשכ"ד, שנת העשרים לההילולא.

הנחה פרטית בלתי מוגה

א. (בהתחלה חסר קצת) לימוד המשנה,

וכמרומז אין דעם אויך וואס משנה איז אותיות "נשמה" און "נשמה" איז אותיות "משנה".

ובמיוחד איז דאך דאס אויך א שייכות צו חודש מנחם-אב, וואס דער כללות החודש איז דאך דאס דער ענין היפך הגאולה,

וואס דערפאר איז דאך דא ענינים וואס דער גאנצער חודש זאגט מען אויף אים אז ער איז ניט (כאן יש הפסק בה"טייפ", אבל כנראה שלא חסר דבר) מסוגל; ניט נאר התחלת ימי החודש, נאר אין גאנצן ??,

וואס דערפאר איז דאך דער לשון אין גמרא, אז "האי מאן דאית לי׳ דינא בהדי עכו"ם" זאל עד זיך משתמט זיין אין גאנצן חודש אב (אויב ס׳איז נאר דא א מעגלעכקייט).

און אין דערויף גופא איז דאך דער נאמען אויך "מנחם",

ביז וואנענט אז כמובא באחרונים, אז אויב מ׳האט געשריבן אין שטרות וואס מ׳דארף מדייק זיין אין שמות החדשים, בדוגמא ווי שטרות גיטין, איז אז מ׳שרייבט -מנחם-אב" איז דאס דעמולט אויך כשר, ביז וואנענט אז ס׳איז דא א דיעה, אז "מנחם" אליין זאל גאר אויך זיין געניוג,

און אין דערויף איז דאך פונקט דער היפך:

פונקט אזוי ווי דא זאגט מען, אז אפילו לאחרי חמשה עשר באב איז "לישתמט מן העכו"ם", אזוי זאגט מען, אז גלייך אין תחילת החודש ווערט ער שוין אנגערופן "מנחם", אז בראש חודש ובימים שלאח"ז, און אפילו בשבוע שחל בו תשעה באב, און אפילו ביום הת"ב עצמו - איז דאס תשעה בחודש מנחם-אב.

און ווי אזוי קומט מען און מ׳איז מהפך פון דעם ענין ~~הבלתי~~ וואס בגלוי איז עד בלתי-רצוי - דער ענין החורבן שבחודש זה, אז עס זאל ווערן דערפון "מנחם" - דער היפך, דער ענין הגאולה -

זאגט ער דאך אויף דערויף אין מדרש, אז "אין הגליות מתכנשות אלא בשביל המשניות, שנאמר גם כי יתנו בגוים עתה אקבצם", אז וואס איז פון די ענינים וואס ברענגען אראפ די גאולה, ביז דא למטה מעשרה טפחים - איז דאס במיוחד פארבונדן מיט לימוד המשניות, כמבואר במקום אחר דער טעם אויף דעם.

איז דאך דא כמה מסכתות בש"ס, וידוע דאך די תקנה, אז מ׳זאל יעדער וואך לערנען די פרשת השבוע, און אין דער וואך גופא - לערנען אט די פרשה פון דער סדרה וואס זי איז פארבונדן מיט דעם טאג, וואס די סדרה איז דאך אויך פאנאנדערגעטיילט לשבעה חלקים, כנגד שבעת ימי השבוע - איז דער טאג פון יום רביעי עשרים שבמנחם-אב - איז די פרשה רביעי פון פרשה עקב, וואס דאס איז די סדרה פון הייינטיקער וואך, רעדט זיך דארטן וועגן די לוחות האחרונות, וואס דער אויבערשטער האט דעמולט געזאגט משה רבינו "פסל לך שני לוחות אבנים כראשונים", און דערנאך "ושמום בארון", און דאס איז געווארן דער ענין פון "לוחות האחרונות".

איז דער רבי מהר"ש מקשר דעם ענין פון "פסל לך שני לוחות אבנים" מיט דעם סיום פון מסכתא ב"ק.

וואס מסכתא ב"ק איז דאך פריער דא די דיני המשנה, אז בשעת א פועל אדער אן אומן אדער א קבלן האט מען אים געדונגען ער זאל ארבעטן ביי א

בעה"ב זיין מלאכה, איז ווי עס פירט זיך ביי מלאכה איז דאך אלעמאל דא
"שיריים", דאס וואס עס בלייבט איבער פון דעם חומר וואס דער בעה"ב האט
איט געגעבן באארבעטן, איז זאגט די משנה דינים און כללים צו וועמען עס
געהערן אט די "שיריים",

און מאכט דארט כמה חילוקים, אז ס'איז דא אזוינע שיריים - דאס
וואס בלייבט לאחרי המלאכה - וואס "הרי הן של נעה"ב", און דא שיריים
וואס "הדי הן שלו" - וואס דאס געהערט צו דעם פועל אדער צו דעם אומן
וועמען מ'האט געגעבן די ארבעט אויף צו טאן.

און איז מסיים, אז דאס איז אלץ ווען דער אומן אדער דער פועל האט
געארבעט ניט ביים בעה"ב אין הויז;

אויב אבער ער האט געמאכט אט די מלאכה ביים בעה"ב אין הויז, איז
אפילו אט די "שיריים" וואס אזוי וואלט דאס געהערט צו דעם אומן (צו דעם
ארבעטער), ווייבאלד אבער אז דאס איז <u>אין</u> הויז ביים בעה"ב - "הרי הן של
בעה"ב". דערמיט ענדיקט זיך די משנה.

זאגט אויף דערויף די גמרא: "ת"ר", אז "מסתתי אבנים", אט די וואס
א בעה"ב האט זיי געדונגען אז זיי זאלן מסתת זיין (און זאלן ארומהובלע-
וועץ די שטיינער), איז "הרי הן שלו", איז דאס וואס עס בלייבט - דעם
שטיין גיט ער אפ דעם בעה"ב, און דאס וואס עס בלייבט בשעת ער האט ארומ-
געקלאפט דעם שטיין ארום און ארום - "הרי הן שלו", דאס געהערט צו דעם
ארבעטער.

דערנאך זאגט ער גלייך נאכדעם, אז אט די ארבעטער וואס מ'האט גע-
דונגען אז זיי זאלן ארומפוצן בוימער און גראז (ווי ער רעכנט דארט אויס
כמה מינים אין דעם), איז אויב דער בעה"ב איז מקפיד, אויב דער בעה"ב
<u>וויל</u> און ער וויל ניט מוותר זיין אויף דאס וואס יענער האט ארומגעשארן
און ארומגעפוצט די בוימער - "הרי אלו של בעה"ב", און אויב ער איז <u>ניט</u>
מקפיד - איז אט דעמולט "הרי הן שלו", געהערט דאס צו דעם פועל, צו דעם
ארבעטער וואס האט ארומגעפוצט די בוימער.

דערנאך זאגט ער ווייטער א צווייטן דין: "א"ר יהודה כשות וחזיז"
(דאס איז אזוינע יונגע גראז) איז "באתרא דלא קפדי", אין אזא ארט וואס
די בעה"ב פון די פעלדער זיינען ניט מקפיד אז דאס זאל געהערן דוקא זיי,
איז אט דעמולט איז ניטא אויף דערויף קיין בעה"ב איז "הדי הן שלו",
געהערן זיי צו דעם ארבעטער. "ובאתרא" וואו מ'איז <u>יע</u> מקפיד, איז אט
דעמולט געהערט דאס צום בעה"ב.

איז מען מסיים "אמר רבינא (אז) ומתא מחסיא אתרא דקפדי הוא", אז
די שטאט "מתא מחסיא" איז געווען א שטאט אין וועלכע די בעה"ב האבן
מקפיד געווען, אז אפילו "כשות וחזיז", די גרינע גראז, זאל אויך דוקא
געהערן צום בעה"ב און מ'זאל אויף דערויף ניט מוותר זיין אפגעבן דאס דעם
ארבעטער. און דערמיט ענדיקט זיך די גמרא.

איז דא אויף דערויף פון די געדרוקטע "הדרנים" איז דא פון מהרש"א
און מהר"ם שיף און דערנאך פון כמה אחרונים בזה,

וואס בכללות שטעלן זיי זיך, אז דאס איז דאך א כלל, אז מ'איז
מסיים בדבר טוב - און דא קומט אויס, אז די מסכתא פארענדיקט זיך "ומתא
מחסיא אתרא דקפדי הוא", אז די שטאט פון "מתא מחסיא" איז מען געווען
<u>קמצנים</u>, אויף אזויפיל, ביז וואנענט אז זיי האבן מקפיד געווען אפילו די
גרינע גראז זאל מען דאס אויך ניט אפגעבן צו די ארבעטער, דאס זאל געהערן
צו דעם בעה"ב פון פעלד - איז דאך דאס אין תוכן (אין דעם אינהאלט) פון
דער מימרא איז מען מסיים מיט א תכונת הנפש פון "מתא מחסיא"
וואס זי האט <u>ניט</u> געטויגט - אן עניין פון קמצנות,

און אויך אזוי אין דעם אויסדרוק קומט דאך אוים, אז מ'איז מסיים די מסכתא מיט די ווערטער "דקפדי הוא" - אן ענין פון קפדנות, וואס דאס איז דאך ניט קיין ענין |פון| חסד ורחמים, וואס ענין התורה איז דאך "תורת חסד".

פארענטפערט אויף דערויף דער מהרש"א (און עס ברענגט אים אויך אראפ נאך מפרשים), אז דארט איז רש"י מדייק און זאגט, אז "מתא מחסיא" איז געווען א שטאט וואס דארט איז געווען א סאך בהמות, און די בהמות האבן געדארפט האבן "מרעה טוב",

און פרעגט: וואס איז דא נוגע דער ווארט "טוב", פארענטפערן זיי, אז דאס האט רש"י געוואלט מסיים זיין די מסכתא בדבר טוב, האט ער ניט גע-זאגט סתם, אז וויבאלד אז ס'איז געווען בהמות און זיי דארפן האבן מרעה דערפאר האט מען ~~בא~~ מקפיד געווען, נאר ער האט נאך צוגעשטעלט דעם ווארט "טוב" - כדי מ'זאל מסיים זיין די מסכתא מיט אן ענין פון טוב.

און ווי דער מהרש"א איז נאך מוסיף, אז דער ווארט "מרעה" פאר-ענדיקט זיך נאך מיט די ווערטער פון "רעה", במילא האט מען ניט געקענט אויסלאזן מיטן "מרעה" אליין במיוחד, מ'האט געדארפט נאך מוסיף זיין אן ענין פון "טוב".

דאס, דער עיקר, איז אבער פארענטפערט אז רש"י איז מסיים בדבר טוב, עס בלייבט דאך אבער די קשיא העיקרית: די גמרא איז דאך פארט מסיים מיט "מתא מחסיא אתרא דקפדי הוא", וואס דאס איז דאך ניט קיין טוב; איז וואס איז דערמיט פארראכטן, וואס רש"י איז מסיים דעם פרש"י על המסכתא מיט א דבר טוב - בלייבט דאך אלץ די קשיא אויף דער גמרא, ווי אזוי בלייבט דאס אין אן ענין וואס דאס איז בלתי-רצוי?

כאמור לעיל, דער "הדרן" פון רבי'ן מהר"ש, וואס ער איז געדרוקט דער קיצור שבו, לויט דער רשימה פון דעם רבי'ן נ"ע אין תולדות מהר"ש בסופו, אז בשעת מ'האט מסיים געווען די מסכתא ב"ק האט דעמולט דער רבי מהר"ש געזאגט עטלעכע ווערטער,

און ער האט געזאגט אויפן סיום המסכתא, וואס ער זאגט "ת"ר (אז) מסתתי אבנים", אט די וואס מ'האט זיי גענומען אויף ארומהובלעווען שטיינ שטיינער, איז "הרי אלו שלו", געהערט דאס צום ארבעטער,

האט ער זיך געשטעלט אויף דערויף, אז אויב אזוי איז דאך ניט פאר-שטאנדיק, וואס דער אויבערשטער האט געדארפט זאגן משה רבינו "פסל לך" - אז "פסולתן תהא שלך", ווארום די לוחות זיינען דאך געווען "לוחות אבנים" ווי ער זאגט אין פסוק, פסולתן של אבנים איז דאך דאס דער ענין פון "מסתתי אבנים" - האט מען דאך ניט געדארפט האבן קיין ציווי מיוחד אז די פסול של הלוחות זאל זיין "שלך" - דאס איז דאך דער דין אז "מסתתי אבנים הרי אלו שלו", דארף מען דאך ניט האבן קיין הוראה מיוחדת און א לימוד מיוחד, אז דאס זאל געהערן משה רבינו.

און ער האט פארענטפערט, אז דער דין פון "מסתתי אבנים" איז דאך דאס ביי אבנים סתם,

און ווי ס'איז דאך מובן פון דעם טעם ההלכה, אז פארוואס געהערט דאס צום ארבעטער - דערפאר וואס אט דאס וואס בלייבט ביים מסתת זיין (ביים ארומהובלעווען) א שטיין איז ווערט א קטנות, איז מען אויף דערויף מוותר;

די לוחות אבנים זיינען דאך געווען, ווי ער זאגט אין מדרש, אז ס'איז געווען "סנפירינין", אז דאס איז געווען אבנים טובות - זייער טייערע שטיינער, איז א דבר המובן, אז ביי טייערע שטיינער, אז אפילו דאס וואס עס בלייבט ביי "מסתתי אבנים", בשעת אבער מ'איז מסתת

"סנפירינין" - איז דעמולט איז זיכער א בעה"ב ניט מותר אויף דעם, און דאס געהערט צום בעה"ב,

דערפאר האט מען געדארפט האבן דעם היתר מיוחד און די הוראה מיוחדת פון "פסל לך", אז ניט קוקנדיק אויף דעם וואס דאס איז "סנפרינין" - זאל די פסולת זיין של משה רבינו.

דערנאך ברענגט דער רבי נ"ע אראפ גלייך אין רשימה, אז אין דער מסיבה איז געווען רשב"ץ (איינער פון די חסידים פון רבי'ן מהר"ש), האט ער גלייך געפרעגט על אתר:

אויף מחלק זיין דעם חילוק פון אבנים פשוטים ביז אבנים פון סנפרינין - איז שייך ווען זיי געהערן צו א בו"ד, איז א בו"ד איז אן אבן פשוטה איז ביי אים ניט תופס מקום, ער איז אויף דערויף ניט מקפיד, משא"כ אבנים טובות וסנפרינין, איז דאס איז ווערט א סאך געלט, איז ביי אים תופס מקום איז ער ניט מבטל;

דא רעדט זיך דאס וועגן דעם אויבערשטן - וואס איז ביים אויבערשטן אן אונטערשייד, צי דאס איז אן אבן פשוטה צי דאס איז אן אבן של סנפרינין?!

איז במילא איז ממ"נ: פונקט אזוי ווי למטה איז דער ענין פון מסתתי אבנים איז "הרי אלו שלו", און דאס איז דאך א כלל אז "מה שהוא מצוה לישראל לעשות" איז דער אויבערשטער אליין אויך מקיים - איז דאך למעלה אויך דער דין אז "מסתתי אבנים הרי אלו שלו", פון דעם ארבעטער, און דארט איז דאך די זעלבע חשיבות פון סנפרינין ווי פון אן אבן פשוט.

האט אים אויף דערויף געענטפערט אויף דער שאלה דער רבי מהר"ש, אז דער ענין פון די לוחות איז דאך געווען דא למטה, איז דאך ניט וואס די סנפרינין זיינען געווען למעלה מעשרה טפחים, וואס דארט איז ענין השכינה (ראה סוכה); נאר דאס איז דאך געווען דא למטה - וואו ס'איז געווען די אפשאצונג פון בני אדם,

וויבאלד אז דא איז געגעבן געווארן דא למטה די אפשאצונג פון בני אדם - איז אט דא איז דער חילוק צי דאס איז אבנים פשוטות צי דאס איז סנפרינין.

און האט געבראכט אויף דערויף א ראי': והראי' אז דאס איז געווען ווי דא למטה - ווארום ווי למעלה איז ניט שייך זאגן דער ענין פון פסולת. וויבאלד אז מ'זאגט אז ס'איז דא אן ענין פון פסולת - אט דאס גופא איז א הוכחה אז די לוחות אבנים שטייען אין אזא מעמד ומצב, אז דארט איז דא א חילוק פון עיקר ופסולת, במילא איז אויך דא א חילוק פון סנפרינין ביז אבנים פשוטים. דערפאר דארף מען האבן די הוראה פון "פסל לך".

עד כאן דער ענין בנוגע צו דעם הדרן על סיום המסכתא.

ס'איז דאך אבער א מנהג ישראל אז ביי א "הדרן" זאל מען מחבר זיין די סיום המסכתא מיט תחלתה - ברענגט ער דארט גלייך אראפ אויך וואס דער רבי מהר"ש האט דעמולט ממשיך געווען,

וואס תחילת המסכתא איז דאך אז "ארבעה אבות נזיקין". האט ער געפרעגט די שאלה: פארוואס עפעס אין קדושה איז דאך "אין קורין אבות אלא לשלשה", אז ס'איז דא מערניט ווי ג' אבות, משא"כ אין לעו"ז זאגט תורה אז ס'איז דא מערער, ח"ו - ס'איז דא ד' אבות?!

און האט אויף דערויף פארענטפערט, אז אע"פ וואס בפרטיות איז דאס ד', אבער בכללות איז דער עיקר, ווי ער איז דאס מבאר בארוכה אין "טור ברקת" | וואס דאס איז א ספר פון תלמידו פון ר' חיים וויטאל, וואס דער אלטער רבי און צ"צ ברענגען דאס אראפ אויך אין מאמרי חסידות |, אז דער עיקר פון די ד' אבות איז דער עיקר איז דאס מזיק זה אדם (?),

און וויניקער ווי איינער - איז עפעס דארף דאך זיין, כדי עס זאל זיין דער ענין פון נזיקין (וואס דאס דארף מען דאך האבן משום בחירה חפשית - אלס א "מאמר המוסגר", דארף דאך זיין "נתתי לפניך את החיים ואת הטוב" און דעם היפך), און וויניקער ווי איינער איז דאך ניט שייך.

און וויבאלד אז דאס איז דער עיקר - קומט דאך במילא אויס אז ס'איז דא מערניט דער ענין פון דריי, ווארום דאס איז דער עיקר באזונדער און די דריי באזונדער.

און האט אויך ממשיך געווען, אז מ'געפינט דאך עד"ז פון "ארבעה מראות טומאה", איז דארט אויך, אע"פ וואס ס'איז דא ארבעה - איז דער עיקר מערניט ווי איינע,

און אין טור ברקת וויל ער האבן אז ס'איז דא צוויי, און ווי דער רבי מהר"ש ברענגט דארט אראפ אין דער רשימה, אז ס'איז דא מערניט ווי איינע אן עיקר, און דאס איז בהרת,

און האט מוסיף געווען א ביאור, אז דאס וואס מ'געפינט אז אין מראות נגעים איז דא א סאך מערער אפילו ווי אין אבות נזיקין - איז דאס דערפאר וואס אין תענוג זיינען די כחות א סאך מערער ווי דאס איז אין אהבה - וואס דאס איז פארבונדן מיט נזיקין,

וואס עד כאן איז די רשימה פון דעם "הדרן" פון רבי'ן מהר"ש ווי די איז פארצייכנט פון ממלא מקומו, פון דעם רבי'ן נ"ע, און ארויסגעגעבן געווארן ע"פ הציווי וההוראה פון דעם רבי'ן דעם נשיא נשיא דורינו.

וואס לכאורה, לאחרי כל הביאור - איז די גאנצע שאלה מלכתחילה לכאורה היפך הדין:

אט דאס וואס מ'..גט אז "מסתתי אבנים הרי אלו שלו", איז דאך דאס, ווי עד זאגט אין משנה, בד"א - אז דאס איז אלץ ווען ער ארבעט ניט ברשותו של בעה"ב; בשעת מ'ארבעט ברשותו של בעה"ב, איז אפילו "נסורת" (דאס הייסט, אזוינע שיריים וואס ע"ד הרגיל געהערן זיי צום ארבעטער) איז דעמולט "הרי אלו שלו", דאס געהערט צום בעה"ב,
וויבאלד אז ער ארבעט ברשותו (בביתו) של בעה"ב;

אט דאס וואס משה רבינו איז געווען דער "פסל לך שני לוחות אבנים" - איז דאך דאס געווען "ברשותו של בעה"ב", און אט דעמולט, איז אפילו אבנים פשוטים איז דאך אויך מסתתי אבנים איז דאס ניט הרי אלו שלו נאר עס געהערט צום בעה"ב, במילא מוז דאך האבן אפילו ביי אבנים פשוטים אויך דעם היתר מיוחד, די הוראה מיוחדת, פון "פסל לך", און דער רבי מהר"ש זאגט בפשיטות אז דאס איז אן ענין |וואס| מ'באווארנט דאס - ~~דערפאר~~ מערניט דערפאר וואס ס'איז ספריינין.

לכאורה וואלט מען געקענט אויף דערויף פארענטפערן, וואס אויף דערויף איז דא אויך א קשיא אין גמרא,

וואס כאמור כמ"פ, אז די ענינים הכי פשוטים שטעלט זיך קיינער ניט אויף דעם:

בשעת די גמרא ברענגט אראפ דעם דין פון "ת"ר (אז) מסתתי אבנים הרי אלו שלו", געהערט דאך דאס צו דעם ענין פון דער משנה וואו עס רעדט זיך דער חילוק ווען ס'איז שלו און ווען ס'איז |של| בעה"ב, און ווי ער איז אויך דא מסיים אז "מסתתי אבנים הרי אלו שלו", און בא די וואס פוצן ארום בוימער אדער כשות וחזיז - הענגט דאס אפ אן דעם "קפדי" פון בעה"ב אדער קפדנות פון דער מדינה און דעם מקום,

אויב אזוי האט דאך געדארפט די גמרא אראפברענגען דעם "ת"ר" אויף די דיים אין דער משנה וואו עס רעדט זיך צי "הרי אלו שלו" צי "הרי אלו

של בעה"ב;

אויף וואס ברענגט דאס אראפ די גמרא - ברענגט ער אראפ אין דער ?? דעם דין, אז ~~אויב-עס-וואלט-געהערט~~ ווען דער ארבעטער ארבעט אצל בעה"ב איז דאס אלעמאל של בעה"ב, און אויף דערויף ברענגט ער: "ת"ר מסתתי אבנים הרי אלו שלו"?!

וואס לכאורה וואלט מען דאס געקענט פארענטפערן, אז דער חידוש פון דער גמרא איז, אז "מסתתי אבנים", איז אפילו בשעת ער ארבעטביים <u>בעה"ב</u> געהערט דאס אויך צום ארבעטער -

דאס איז אבער א דין וואס דאס איז היפך טעם הלכה זו, ווי דער אלטער רבי ברענגט אראפ די דינים אין הלכות גניבה וגזילה (אין חלק ששי פון זיין שו"ע), ברענגט ער אראפ דעם טעם פון מפרשים וואס זאגן, פארוואס איז דער טעם וואס אויב מ'ארבעט ביים בעה"ב איז הרי אלו של בעה"ב (?) - דערפאר וואס בשעת עס בלייבט קשים לוינט די די טירחא צולב קלייניקייטן, אז דער בעה"ב זאל קומען ~~צו~~ אין פעלד, אדער ער זאל קומען לרשותו של האומן והפועל, און זאל דארטן האבן די טירחא אויף צוזאמענקלייבן די שיריים,

משא"כ אויב ער געפינט זיך ברשותו של בעה"ב - דארף ער דאך קיין טירחא ניט האבן.

- דער זעלבער טעם איז דאך דא ביי מסתיי אבנים אויך: אמת טאקע דאס איז א <u>קטנות</u>; ער האט דאך אבער דערביי קיין טירחא ניט, איז וויבאלד אז דאס איז ברשותו של בעה"ב, דארף דאך זיין דעמולט אפילו ביי מסתתי אבנים אויך דער חילוק, אז אצל בעה"ב הרי אלו של בעה"ב.

א שטארקערער ראי' אויף דערויף איז: אויב מסתתי אבנים וואלט גע- ווען אן <u>אויסנאם</u> פון דעם דין וואס העובד אצל בעה"ב הרי אלו של בעה"ב - וואלט מען געדארפט אראפברענגען דעם חידוש ערגעץ-וואו, און קיינער פון די פוסקים ברענגט ניט אראפ אז ס'איז דא אן <u>אויסנאם</u>, אז אע"פ וואס מ'ארבעט ביים בעה"ב - איז אעפ"כ זאל דאס געהערן צו דעם פועל,

במילא בלייבט דאך צוריק די קשיא: וויבאלד אז אויך בא מסתתי אבנים איז אויך הרי אלו של בעה"ב אויב דאס איז ברשותו - דארף מען דאך האבן די הוראה מיוחדת בא "פסל לך שני לוחות אבנים".

ס'איז דא אין אחרונים וואס פרעגן אויף דערויף נאך א קשיא:

אין תוספתא ברענגט ער אראפ, אז ביי מסתתי אבנים איז אויך א חילוק צי דער בעה"ב איז <u>מקפיד</u> צי דער בעה"ב איז <u>ניט</u> מקפיד, און די גמרא זאגט דאך "ת"ר" מיט א פשיטות אז מסתתי אבנים הרי אלו שלו?

וואס לכאורה איז דאך דאס א פלוגתא, איז ניט פארשטאנדיק, אין וואס דא באשטייט דער טעם הפלוגתא.

בכללות הענין וואס מ'ברענגט אראפ די אלע דריי חילוקים, וואס דער ענין איז דאך דא חילוקי לשונות: וואס אין דעם ענין גופא שטייט דער לשון "הרי אלו שלו", אן קיינע תנאים, דערנאך שטייט אן אופן, אז ווי איז בנוגע צו אילנות וכיו"ב - הענגט דאס אפ צי בעה"ב קפיד צי בעה"ב איז לא קפיד, און דערנאך איז ער מסיים "ומתא מחסיא <u>אתרא</u> דקפדי הוא" - און דא דערמאנט ער גארניט וואס עס טוט זיך מיטן בעה"ב,

וואס דערפאר פסק'נט מען דאך טאקע אפ אין פוסקים, און דער אלטער רבי ברענגט דאס אראפ אין שו"ע, אז דעמולט איז ניט נוגע אויב דאס איז אן "אתרא דלא קפדי" - איז ניט נוגע צי דער בעה"ב איז קפיד; אויב אפילו ער איז מקפיד - איז בטלה דעתו.

איז דאך לכאורה, אין דערויף גופא אויך, ווי מ'שטעלט זיך אין אחרונים, אז לכאורה איז דאך דאס א סתירה:

פריער זאגט די גמרא אז עס הענגט אפ צי בעה"ב קפיד צי לא, און דערנאך זאגט מען אז דאס הענגט אפ צי דאס איז אתרא דקפיד און אז ניט - איז בטלה דעתו אצל כל אדם, אויב דאס איז אן אתרא דלא קפיד.

וואס נאך א זאך, וואס איז נאך א גרעסערע זאך ניט פארשטאנדיק: אויב דאס איז אן "אתרא דלא קפדי" - וואס איז דעמולט די נפק"מ וואו עס געפינט זיך די נסורות, צי עס געפינט זיך ביים בעה"ב צי דאס געפינט זיך ביים ארבעטער; וויבאלד אז בטלה דעתו אצל כל אדם, דערפאר וואס די מדינה איז אויף דערויף ניט מקפיד - דארף דאס געהערן צו דעם ארבעטער אפילו ווען דאס איז ניט פארבונדן מיט טירחא, וויבאלד אז מצד המדינה האט דאס ניט קיין תפיסת מקום!

איז דא אחרונים וואס ווילן מבטל זיין דעם גאנצן ענין פון קפידת בעה"ב, און אז דאס איז מערניט נוגע צו קפידת המדינה -

איז דאס היפך פירוש הפשוט פון גמרא, און מ'דארף ניט מעקס זיין די גמרא כדי צו מחדש זיין א סברא שאין לה יסוד!

דער פירוש הפשוט איז, אז ס'איז דא דריי תילוקים:

ס'איז דא אזא ענין וואס דאס |עס| ווערט אפגע'פסק'נט אז בטלה דעתו אצל כל אדם, אז דאס איז אויף אזויפיל א קלייניקייט - אז ס'איז לגמרי קיין נפק"מ ניט וואס דער בעה"ב צי קפיד צי ניט קפיד, ע"ד ווי מסתתי אבנים איז אט דעמולט הרי אלו שלו - קיין אונטערשייד ניט וואס דער בעה"ב וויל.

ס'איז דא אן ארט וואס קיין מנהג המדינה קיין באשטימטער איז דא ניטא. ניט ווי ס'איז געווען אין מתא מחסיא בנוגע צו "כשות וחזיז". בשעת ס'איז ניטא קיין מנהג המדינה - איז דאך ניט שייך זאגן ס'איז דא אזוינע וואס מקפיד |און| אזוינע וואס זיינען ניט מקפיד, און דאס האט מערער ווערט ווי די שיריים פון די אבנים,

איז אט דא קומט אראפ די צווייטע חלוקה, ניט ווי מסתתי אבנים וואס אלעמאל הרי אלו שלו - נאר דאס הענגט אפ צי דער בעה"ב איז קפיד צי ניט.

דערנאך ברענגט די גמרא אראפ א דריטע חלוקה, וואס דאס הענגט אפ אן "אתרא דקפדי", ווארום דאס איז אן ענין וואס מ'ווייס בקביעות א'מנהג המדינה, א מנהג המקום, איז אט דעמולט איז בטלה דעתו צו דעם מנהג המקום; וויבאלד אז דאס איז אן "אתרא דלא קפדי" - איז דעמולט הענגט ניט אפ אפי' אויב דער בעה"ב איז קפיד.

במילא איז קיין סתירה ניט צווישן די צוויי לשונות, צווישן די צוויי דינים, וואס אמאל קוקט מען צי "בעה"ב קפיד" און אמאל קוקט מען צי "אתרא קפיד" - דאס הענגט אפ צי ס'איז דא א מנהג המדינה צי ניט.

און דערפאר איז קיין סתירה ניט וואס סיום של פוסקים ברענגט מען אראפ לסוף הסיום אז הכל כמנהג המדינה, וואס לכאורה עפ"ז האט מען דאך ניט געדארפט האבן די פריערדיקע דינים ופרטים, אז מ'דארף וויסן צי דער בעה"ב קפיד צי ניט -

נאר מוז מען דאך זאגן, אז ס'איז דא אן אופן וואס ס'איז ניטא קיין מנהג מדינה קבוע, און דאס איז מערער ווערט ווי "מסתתי אבנים", און אט דעמולט קוקט מען נאך וואס עס טוט זיך מיטן דעת בעה"ב.

עס בלייבט נאך אבער אלץ ניט פארשטאנדיק: אין וואס איז די נפק"מ

וואס אין תוספתא זאגט ער אז "מסתתי אבנים" הענגט אפ אין קפידת בעה"ב,
|און| די גמרא ברענגט אראפ בפשיטות אז "מסתתי אבנים הרי אלו שלו"?

ס'איז אויך אינגאנצן ניט פארשטאנדיק, וואס די גמרא ברענגט די דינים פון "מסתתי אבנים" און "כשות וחזיז" אויפן סוף המשנה, אז "אם הי' אצל בעה"ב" איז אלעמאל "של בעה"ב",

און ס'איז אויך, עס בלייבט דאך די קשיא וואס דער מהרש"א פרעגט (און מהר"ם שיף וכמה אחרונים), אז די מסכתא ווערט נסתיים מיט אן ענין פון "אתרא דקפדי הוא", ניט ווי רש"י איז דאס מסיים, אז דאס איז געווען א מקום בהומות און זיי האבן געדארפט האבן א "מרעה טוב". לחיים.

כ"ק אדמו"ר שליט"א אמר: זאל מען זאגן לחיים און זאגן א ניגון, וניגון "והריקותי לכם ברכה" (החדש).

*   *   *

ב. אויף דעם ענין וואס מ'זאגט, אז בשעת דער בעה"ב איז ניט מקפיד, אדער אפילו ווען ער איז מקפיד און "בטלה דעתו" צו דעם מנהג המדינה והמקום, וואס דאס איז אן "אתרא דלא קפדי" - איז אט דעמולט איז "אין בהם משום גזל", ווי די גמרא זאגט, אדער ווי דער לשון המשנה "הרי אלו שלו", פון דעם ארבעטער -

איז שטעלט מען זיך אויף דערויף אויף מברר זיין, ווי אזוי ווערט דאס דעם ארבעטערס:

איידער ס'איז געווען (?) אט די שיריים - האט דאס אינגאנצן געהערט צום בעה"ב, סיי דער עיקר האבן סיי די שיריים פון דעם אבן (ועד"ז אין די אנדערע ענינים וועלכע דער ארבעטער האט באארבעט); ווי אזוי איז דאס ארויסגעקומען פון רשות הבעה"ב און אנגעקומען צו דעם ארבעטער?!

איז דא אין דערויף צוויי סברות,

איין סברא, אז וויבאלד אז דאס איז ניט תופס מקום ביים בעה"ב איז דאס אן ענין וואס ער איז דאס מפקיר, און וויבאלד אז דאס איז הפקר - איז זוכה בזה דער ארבעטער,

א צווייטע סברא איז, אז דאס איז אן ענין, וויבאלד אז ביים בעה"ב איז דאס ניט תופס-מקום, איז "חונן ונותן" - ער גיט דאס אפ במתנה צו דעם וואס האט געארבעט בא דעם.

און ס'איז דא אין דערויף כמה נפק"מ'ס לדין. און פון די נפק"מ'ס בזה איז דאך, אז ביי הפקר מוז דאס זיין א הפקר לכל אדם, דאס הייסט, אז אויב ער איז ניט מקפיד לגבי דעם ארבעטער און איז מקפיד לגבי אנדערע, האט דאס ניט אויף זיך דעמולט דעם דין פון הפקר,

איז אויב מ'זאל זאגן אז דער דין פון "הרי אלו שלו" איז מצד הטעם וואס דאס איז הפקר - קען דאס זיין נאר דעמולט אויב דער בעה"ב אדער דער ארט איז ניט מקפיד ניט נאר לגבי האומן והפועל, נאר עס מוז זיין לכל אדם, ביז עס ווערט געבראכט אין פוסקים - אפילו לגבי ניט קיין אידן אויך,

וואס דאס איז דאך ווי דער נודע ביהודה ברענגט אראפ דעם טעם ~~בנוגע~~ אין זיין שו"ת בשעת מ'האט מקדש געווען אן אשה מיט א זאך וואס דער בעה"ב איז ניט מקפיד על זה.

א צווייטער טעם, א צווייטע סברא, איז, אז מ'זאל זאגן אז דער בעה"ב גיט דאס במתנה דעם פועל ואומן, וואס ביי א מתנה איז ניט נוגע: ער גיט דאס דוקא דעם, און אן אנדערן וואלט ער דאס ניט געוואלט געבן במתנה.

דעמולט איז אבער דא א פארקערטע נפק"מ: ביי הפקר טאר ער ניט חרטה-האבן, ווי דער אלטער רבי ברענגט אראפ אין שו"ע (איך הלכות הפקר), אז אויב ער האט דאס מפקיר געווען, איז אט דעמולט טאר ער ניט חרטה-האבן, אפילו אז ס'איז נאך ניט אנגעקומען לרשותו של אחר, ס'איז מערניט - ער קען זוכה זיין מן ההפקר פונקט ווי אן אנדערער, אבער חרטה-האבן דערפון וואס ער האט דאס מפקיר געווען טאר מען ניט.

בנוגע איז אויך לעניננו, אז אין די שיריים וואס הענגט אפ אן קפידת דעת הבעה"ב, איז אויב בשעת תחילת המלאכה האט ער ניט מקפיד געווען, איז לויט דעם טעם אז דאס איז אן ענין של הפקר - טאר ער דערנאך ניט, אפילו אז ער האט דערנאך מקפיד געווען - איז דאס אויך קיין נפק"מ ניט, אע"פ וואס ס'איז נאך ניט אנגעקומען לרשותו של הפועל והאומן; וויבאלד אז ער האט דאס מפקיר געווען בבבם אפגעבנדיק דאס לעבות המלאכה, איז אע"פ וואס דאס איז ניט געווארן יענעמס - העלפט ניט אט דאס וואס דערנאך איז ער יע מקפיד, איז דאס גארניט משנה.

אויב מ'זאל זאגן, אז דער טעם איז משום מתנה - איז אין תחילת המלאכה, איידער די שיריים זיינען בפ"ע, איז דאך דאס נאך ניט געווארן דעם פועל ואומן'ס, איז אט דעמולט אויב ער איז דערנאך מקפיד - ווערט בטל דער דין און עס האט דעם דין ווי א בעה"ב וואס ער איז מקפיד.

וואס דאס איז (ב' תיבות הן בלתי-ברורות כאן) נוגע פון דעם אבני מילואים אין די הלכות קידושין, ביי המקדש את האשה אין א דבר וואס אינו מקפיד (דער צווייטער, בא וועמען ער האט דאס גענומען).

אין דעם "הדרן" פון רבי'ן מהר"ש ברענגט ער אראפ, אז דארט איז אן ענין של הפקר.

וואס דאס איז, בתור "מאמר המוסגר":

וואס מ'רעכנט דאך, אז דער לימוד החסידות איז א באזונדער ענין און לימוד הנגלה איז א באזונדער ענין -

איז פונקט אזוי ווי מ'קען ניט דורכקומען אין לימוד הנגלה אן די ביאורים פון חסידות, אט אזוי איז אויך אין דעם לימוד החסידות איז דא כמה ענינים וואס פון זיי לערנט מען אפ הלכתא רברבתא פשוט אין ענינים פון נגלה.

וואס דאס איז, דרך אגב, אין א "הדרן" וואס רעדט זיך וועגן אן ענין פון "פסל לך שני לוחות אבנים", וואס לכאורה איז דאך דאס א חסידישער ענין - איז אין די צוויי ווערטער וואס דער רבי מהר"ש האט דארט אריינגעשטעלט, אז דאס איז אן ענין של הפקר (?) איז ער מפרש דעם גאנצן ענין וואס אין בעהה"ב מקפיד, אז דאס איז מצד הפקר,

און דעמולט איז, כאמור לעיל, די נפק"מ בפועל, אז אויב בשעת ער גיט אים אפ באארבעטן די זאך איז אט דעמולט איז ער ניט מקפיד - מוז דאס דערנאך בלייבן און ער טאר אויף דערויף קיין חרטה ניט האבן, ער איז עובר אויף אן איסור דבר שהפקירו טאר ער ניט חרטה האבן מזה.

וואס עפ"ז וועט מען אויך זיך אומקערן צו דעם ענין וואס מ'זאגט פון "פסל לך שני לוחות אבנים". וואס דאס איז דאך געווען דער ציווי פון הקב"ה, וואס ער האט געשאגט משה'ן אז ער זאל אנשרייבן (מאכן, צוגרייטן) די לוחות אחרונות, די לוחות שניות, און דערנאך "ושמתם בארון", און דאס איז געווארן דערנאך די לוחות וואס מ'האט אריינגעשטעלט אין משכן (און דערנאך אין מקדש).

וואס דאס איז דאך געווען, ככל עניני המשכן ובית המקדש, וואס אין דערויף האט דאך געדארפט זיין די אלע ענינים געהערן צום ציבור,

ביז וואנענט אז ווי די גמרא איז מדייק, אז אויב דאס קומט פון א יחיד, פון א פרט, דארף זיין ניט נאר "מוסרן יפה", נאר "ומוסרן יפה יפה" - צוויי מאל "יפה", כדי דאס זאל זיין אינגאנצן מערניט ווי רשותו של ציבור, אן קיינע אחיזה אין דעם רשותו של יחיד לפנ"ז.

וואס אע"פ וואס מ'געפינט דאך בא דעם ענין פון תמיד, וואס דאס איז דאך געקומען פון תרומת הלשכה, וואס דארט איז דאך אויך געווען די מסירה לציבור (תמיד איז דאך א קרבן ציבור), האט משה רבינו געבעטן ביי עדת קרח אז חלקם שבתמיד ובקרבן ציבור זאל ניט עולה זיין לריח ניחוח -

איז דאך אין דערויף ידוע די קשיא וואס מ'שטעלט זיך אויף דעם: ס'איז ניטא אין דערויף קיין "חלקם"?! ס'איז אלץ געווען איידער זיי האבן אפגעגעבן דעם מחצית השקל אין דער תרומת הלשכה; נאך דערויף איז דאך בלייבט דאך ניט קיין שיריים און קיין חלק שביחיד אין תמיד אפגעטיילט פון די אנדערע חלקים, וכידוע די שקו"ט בזה במקום אחר;

בנוגע אלינו, אז דער ענין וואס מ'האט אים געזאגט דעם "פסל לך שני לוחות אבנים כראשונה" האט זיך דא געהאנדלט, אמת טאקע דאס איז געווען "ברשותו של בעה"ב", וואס דערפאר דארף דאס זיין אלעמאל "הרי אלו של בעל הבית", אפילו ביי "מסתתי אבנים" פשוטים;

דאס אלץ אבער גערעדט געווארן - ווען דאס וואלט געבליבן ענינו של הקב"ה;

בא דעם ענין המשכן ומקדש האט מען געדארפט האבן פארקערט: ניט אז דאס זאל געהערן צום אויבערשטן - דאס דארף געהערן דוקא צו אידן, און די אידן דארפן אין דערויף מאכן דעם "ועשו לי מקדש"; זיי דארפן מאכן פון זייערע נכסים אן ענין פון א משכן ומקדש.

און אין דערויף דארף זיין ניט אן ענין של יחיד ופרט, נאר "מוסרן יפה יפה".

וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק, אז ווען עס וואלט ניט געווען די הוראה פון "פסל לך" אז "פסלתן תהא שלך" - וואלט געהאט דער דין די "סנפרינין" פונקט ווי דעם טייל פון וועלכן ער האט געמאכט די "לוחות אבנים", וואס פונקט אזוי ווי יענעם טייל האט דאך געדארפט זיין "מוסרו לצבור יפה יפה", אט אזוי ווען עס וואלט ניט געווען די הוראה מיוחדת "פסל לך" - און דאס רעדט זיך, ווי דער רבי מהר"ש איז מבאר, אין אבנים של סנפרינין, ניט אבנים פשוטים - וואלט דאס דעמולט משה רבינו אויך גע-דארפט אפגעבן לישראל,

ווארום דא איז ניט די באווארעניש צי דאס געהערט צו משה'ן צי דאס געהערט להקב"ה; דא איז די באווארעניש, צי דאס געהערט צו משה'ן, צי דאס געהערט - לישראל.

און אין דערויף איז דא דער חילוק (ווי דער רבי מהר"ש איז דער-נאך מבאר) אז דאס איז אן ענין ווי דאס שטייט למטה, במילא איז אין דערויף ניט שייך זאגן אז ער ארבעט "ברשותו של בעה"ב" - דא האט זיך גערעדט: וואס וועט דערנאך זיין, צי אויך אין די שיריים דארף זיין "מוסרן יפה יפה" צי עס דארף זיין "שלך" - של משה רבינו.

וואס דערפאר דארף מען האבן אין דערויף דעם חילוק, אז דאס זאל זיין אן ענין ניט פון אבנים פשוטות, נאר דאס איז אן ענין פון אבני סנפרינין.

וואס דערמיט איז אויך פארשטאנדיק דער לימוד, וואס דאס איז דאך אין אגדה, און דא זעט מען ווי אגדה איז פארבונדן מיט הלכה, אז די גמרא לערנט אפ דערפון וואס עס שטייט "פסל לך" - "פסלתן תהא שלך", און דערנאך זאגט ער "כתב לך את הדברים אשר אומר אליך", זאגט מען אז "מה פסלתן שלך" אזוי זאל זיין די דברים אויך שלך.

און ווי די גמרא איז מסיים, אז "פלפולא של תורה" אט דאס האט מען געגעבן מערניט ווי משה רבינו.

וואס אין דערויף איז דאך אויך, דערפון זעט מען דעם ביאור אויף "פסל לך" ע"ד ווי בא "כתב לך":

אזוי ווי בא "כתב לך" איז דאך ניט דער חילוק צווישן משה מיטן אויבערשטן, ווארום סיי-ווי איז דאך דאס תורתו של הקב"ה, נאר דא דארף מען באווארענען "כתב לך" און ניט לישראל,

דערפון איז אויך רער אפלערנען, אז "בא ללמד ונמצא למד", אז אויף "פסל לך" דארף מען באווארענען ניט משה לגבי הקב"ה, נאר ע"ד ווי בא "כתב לך" אז ראס איז משה און ניט בני ישראל, וואס פלפולא האט מען געגעבן מערניט ווי למשה, און "נהג בה טוב עין ונתנה לישראל, כמאמר טוב עין הוא יבורך",

און וויבאלד אז דאס איז באווארנט מען מיט דער הוראה אז ראס איז למשה און ניט לישראל - איז אט דא איז דער חילוק פון סנפרינין ביז דעם ענין פון אבנים פשוטים.

און דערמיט איז אויך פארשטאנדיק דעם סיום וואס דער רבי מהר"ש איז מבאר, אז דאס איז געווען אן ענין פון למטה, אז דאס איז ניט וואס מ'דארף באווארענען צווישן משה'ן מיט הקב"ה, נאר דעם ענין <u>למטה</u> - צווישן משה'ן לישראל,

און די ראי' אויף דערויף ברענגט מען - "שיש בהם פסולת": למעלה איז ניטא קיין חילוק פון "פלפולא דאורייתא" און אן ענין פון א תורה - דארט איז א תורה אחת;

ווען קומט ארויס דער פלפול - קומט דאס אלץ אראפ "למאן דמחכה - |דדחקין| למילין דאורייתא", בשעת עס קומט אראפ דא למטה, וואס דא איז דא רער ענין פון העלמות והסתרים וקושיות וסתירות, קומט דא אראפ דער ענין פון פלפול,

וואס דאס איז דער ענין פון "פסולות" של לוחות, און דאס איז ווי די גמרא פארגלייכט דאס דעם "פסל לך" מיטן "כתב לך", וואס דאס איז דער ענין פון פלפולא של תורה.

וואס עפ"ז ווערט מען אויך פארשטיין אט דאס וואס מ'שטעלט זיך אויפן סיום המשנה, אז אויב ער האט געארבעט ביים בעה"ב איז דעמולט "הרי אלו של בעה"ב",

וואס כאמור לעיל איז דאס ניט פארשטאנדיק: די חילוקי דיעות צי מסתת אבנים הרי אלו שלו און די וואס נוקפי עוללות הענגט דאס אפ אן קפידת בעה"ב - געהערט דאס צו התחלת המשנה, די בבא שלפנ"ז, וואס דארט רעדט זיך אויך וועגן חילוקים צי דאס איז של בעה"ב צי דאס איז של הפועל ואומן,

נאר אנהויבן הויבט זיך אן מיט "ת"ר מסתתי אבנים אין בהם משום גזל",

וואס אט דא איז דער רמז אז מ'פארבינדט דאס מיט "מסתתי אבנים" פון "פסל לך שני לוחות אבנים". און דאס איז, אלעמאל - ווען ער איז עובד אצל בעה"ב, וואס דערפאר איז דאס "הרי אלו שלו", ווארום "הלא כה דברי כאש", אז "מה אש אינו מקבל טומאה" אזוי איז "דברי תורה אינן מקבלין טומאה":

אט וואס פאר א תורה עס זאל נאר זיין, צי "<u>פלפולא</u> דאורייתא" צי <u>עיקר</u> התורה, איז "דברי תורה אינן מקבלין טומאה", פארוואס איז דאס - דער דערפאר וואס ער איז עובד "אצל בעה"ב", איז סיי די "שיריים" און סיי דער "עיקר" אבנים געהערט דאס צום "בעה"ב".

בשעת עס קומט אראפ דערנאך דער דין דא למטה, אין מסתתי אבנים בפשוטם - אט דא ווערט דער חילוק, אז ביי אבנים פשוטים איז אט דעמולט "אין בהם משום גזל", במילא געהערט דאס צו פועל, און ביי סנפרינין איז אט דעמולט געהערט דאס "פסל לך" - "פסלתן תהא שלך" (?).

און דערנאך איז ער מבאר די אנדערע פרטים בזה, כאמור לעיל, אז ס'איז דא ענינים וואס הענגט אפ אן קפידת בעה"ב, און מ'איז מסיים בנוגע צו "מתא מחסיא", וואס "מתא מחסיא" זאגט ער אז דאס איז "אתרא דקפדי הוא",

און מ'פרעגט אויף דערויף די שאלה: אז דער סיום המס' איז דאס אין א דבר וואס איז ניט קיין טוב,

און דעם תירוץ וואס מ'זאגט אז רש"י איז מסיים בדבר טוב, איז דאך דאס ניט קיין סיום פון דער מסכתא, פון דער גמרא.

איז דער ענין אין דעם, אז לאחרי דעם ביאור פון רש"י, איז אט דעמולט ווערט דער סיום המסכתא מיט א דבר טוב, וואס לולי די רש"י וואלט מען דאס ניט געוואוסט;

נאך דערויף ווי רש"י איז מפרש, אז דאס איז געווען "מתא מחסיא", אן אתרא וואס דארט איז געווען בהמות, און די האבן געדארפט האבן "מרעה" און דערפאר איז "מתא מחסיא" געווען אן "אתרא דקפדי" - ווערט דער סיום המסכתא מיט א דבר טוב:

ווארום אין דעם ענין פון קפדנות איז דאך דא צוויי אופנים: ס'איז דא דער ענין פון קפדנות וואס קומט מצד קמצנות, מצד דערויף וואס ער איז א קפדן, ס'איז דא קפדנות וואס קומט דוקא דער היפך -

ווי די גמרא זאגט אין חולין, אז "צדיקים (איז) חביב עליהם ממונם יותר מגופם מפני שאין פושטין ידיהם בגזל":

אט דאס וואס מ'איז מקפיד אויף ממון איז דאס ניט מצד דערויף וואס דאס איז קמצנות, נאר דערפאר וואס "אין פושטין ידיהם בגזל", מצד אן ענין וואס מ'איז מדייק אין קדושה מערער ווי סתם בני אדם.

וואס לכאורה איז דאך דער גאנצער לשון ניט פארשטאנדיק: בשעת מ'זאגט א מעלה אויף צדיקים, זאגט מען, אז "אין פושטין |ידיהם| בגזל"?! גזל איז א לאו מן התורה; איז אויף דערויף דארף מען דאס זיין א צדיק - אויף ניט גזל'ענען ביי א צווייטן אידן?!

און מ'זאגט, אז וואס איז די מעלה פון צדיקים, און ווי די גמרא אין סוטה געפינט א גרויסע מעלה אויף ראובן'ן, אז "אין פושטין ידיהן בגזל", ער איז ניט געגאנגען גזל'נען, נאר וואס דען - ער האט גענומען מן ההפקר; אויף דערויף דארף מען ניט זיין דוקא פון "שבטי י-ה" עדות לישראל" - א פשוט'ער איד וועט אויך ניט עובר זיין אויף א לאו מן התורה, כדי צו האבן א פאר חיטים, וועט ער קען אויסקומען אן דעם!

ועד"ז אין מסתתי אבנים, וואס מ'זאגט אז "אין בהם משום גזל".

וואס אין דערויף איז דער ביאור איז אויך פארשטאנדיק פון א צווייטן ריוק, וואס דער לשון איז דא אויך א מאדנער:

וואס דער לשון איז, ניט מ'זאגט אז "צדיקים אין גוזלין", נאר "צדיקים אין פושטין ידיהן בגזל"; דער לשון אויף גזילה איז - אדער מען גזל'ט אדער מען גזל'ט ניט; וואס איז דאס "פושט ידו בגזל"?!

דער ענין פון "פשוט ידו בגזל" איז, אז דער גזל איז שוין סיי-ווי געווען, נאר וואס דען, ס'איז דא א ברירה אז ער זאל "פשוט ידו" זיין בגזל, אבער ניט ער איז דער גזלן; ער איז "פושט ידו" אין אן ענין וואס דאס איז גע'גזל'ט געווארן,

וואס אויף דערויף קען מען האבן כמה ענינים של מורה-היתר. און אט דאס איז די מעלה פון א <u>צדיק</u>, אז אהבת הממון פירט מען ניט אראפ אויף האבן אן ענין של היתר -

<u>גזל'נען</u> וועט ניט-קיין-צדיק אויך ניט גזל'ענען, אבער "פושט ידו" אין אן ענין וואס איז שוין א גע'גזל'טער, און דאס ליגט דערנאך אין גאס, נאר וואס דען, עס פעלט דער ענין אדער "שינוי רשות" אדער יאוש, די אלע תנאים וואס איז דא אין דעם -

איז אויף דערויף דארף מען האבן א מעלה פון א צדיק, ווערט ער ניט נכשל אין אן ענין פון מורה-היתר.

נאך <u>טיפער</u> אין דערויף איז דא: ס'איז דא אן ענין אין וועלט וואס ער איז מן התורה אסור מערניט ווי <u>מלכתחילה</u>, אדער מערניט ווי מצד תקנת הבריות, נאר גזל איז דאס (?).

וואס לכאורה איז דאך דאס א דבר פלא?

איז דאס איז פון די דיוקים וואס דער אלטער רבי שטעלט דאס אריין אין צוויי ווערטער:

שרייבט דער אלטער רבי אין אנהויבס פון הלכות גזילה וגניבה, אז אפילו א פחות משוה פרוטה, איז דאס אויך אן ענין של גזל, ווארום "חצי שיעור אסור מן התורה". און דערנאך איז ער מוסיף: "לכתחילה".

וואס דאס איז א דבר חידוש: ס'איז אין קיין ארט פון "חצי שיעור" איז ניטא דער גדר פון "לכתחילה"; "חצי שיעור" איז אסור מן התורה (נאך איין דיעה נאך, און אזוי בלייבט דער דין), און די וואס האלטן אז ס'איז <u>ניט</u> אסור - איז מלכתחילה אויך ניט אסור, איז דאס <u>היתר</u>,

אט דאס וואס דער אלטער רבי איז מחדש ביי <u>גזל</u>, אז דארט איז "חצי שיעור אסור", נאר וואס דען - ס'איז אסור "<u>לכתחילה</u>", און נאך דערויף ווי ער האט דאס באקומען, איז אט דעמולט ווערט בטל דער איסור.

וואס אט דעמולט קומט דאך אויס, אז בשעת ער איז "פושט ידו" איז דאס גזל; נאך דערויף ווי ער האט "פשוט ידו" געווען - האט ער ניט געטאן קיין איסור, דערפאר וואס ס'איז שוין א "בדיעבד",

און ביי וואס איז דאס די מציאות? איז די מציאות איז דאס ביי פחות משוה פרוטה, וואס א פחות משוה פרוטה פסק'נט אפ דער אלטער רבי, אז לכתחילה טאר מען דאס ניט נעמען, ער שטעלט אבער גלייך אוועק דעם דין, אז נאך דערויף ווי ער האט גענומען - האט ער ניט געטאן קיין איסור, ס'איז מערניט וואס ס'איז אן לכתחילה; בדיעבד געהערט דאס צו אים, ווארום א פחות משוה פרוטה איז בעה"ב אינו מקפיד.

וואס עד"ז איז אויך אין אט די אלע ענינים וואס מ'ברענגט דא אראפ וואס "בעה"ב אינו מקפיד" - איז דא אין דערויף די מציאות אז מ'זאל קענען "פושט זיין ידו בגזל" און אעפ"כ זאל ער זיין א "בינוני", ~~בבט~~ נאר קיין צדיק ניט,

און מ'דארף האבן אויף דערויף דעם תוספת "הידור" וואס ער איז א <u>צדיק</u>, איז אט דעמולט ניט נאר וואס ער איז ניט <u>גוזל</u>, נאר אפילו ער איז ניט "פשוט ידו בגזל" אין דעם צווייטן ענין בזה, אזא ענין וואס איז מער-ניט ווי אסור לכתחילה.

און אויף דערויף זאגט מען, אז ביי צדיקים קומט די קפדנות וואס זיי זיינען <u>מקפיד</u> - איז קומט דאס מצד דערויף וואס זיי זיינען "אין פושטין ידיהן בגזל", זיי זיינען אזוי אפגעהיט פון דעם ענין פון גזל ביז אין קצה האחר,

וואס דערפאר באווארנט ער און "חביב עליהם ממונם", ביז וואנענט

אפילו פחות משוה פרוטה אויך, כדי ער זאל זיך איינגעוואוינען ניט נעמען יענעמס פחות משוה פרוטה.

וע"ד ווי די גמרא זאגט אנטקעגן "האוכל לשוק" וואס ער איז פסול לעדות, אז אויב כבוד עצמו פארנעמט ביי אים קיין ארט ניט - וועט ביי אים יענעמס כבוד זיכער ניט האבן קיין ארט,

געוואוינט מען זיך איין, אז בנוגע צו פחות משוה פרוטה שלו "אין פושטין ידן בגזל", במילא היט מען זיך דעמולט אויס אויף פחות משוה פרוטה של השני.

וואס לכאורה אבער, קען מען אין דערויף זאגן: דאס איז דאך אלץ במה דברים אמורים - ווען יענער וועט דורך דעם ניט נכשל ווערן;

בשעת אבער ס'איז דא דער "כשות וחזיז", וואס ס'איז דאך דא ערטער וואס מ'איז אויף דערויף ניט מקפיד, במילא קען דאך זיין אזוינע (?) ווי "מתא מחסיא" זאל מער ניט זיין "כשות וחזיז" (?), און דורך דערויף וואס ער וועט מקפיד זיין - וועט ער דעמולט מכשיל זיין דעם צווייטן אז יענער וועט זיין "פשוט ידו בגזל", און אויב דאס איז מער ווי א פרוטה - וועט דאס זיין גזל ממש!

און אויף דערויף באווארנט רש"י, אז דא איז דא נאך אן ענין, אז דאס רעדט זיך וועגן דערויף פון געבן עסן א בהמה: אזוי ווי דארט איז געווען א מקום בהמות, און די בהמות דארפן האבן "מרעה טוב", און דערפון איז געווארן בא זיי די קפדנות.

ס'איז דאך דא דער ענין פון "ושמרתם לנפשותיכם", איז דערפאר איז דאך א איד מחוייב אויף אפהיטן די בריאות הגוף; צוליב דערויף איז ער מחוייב אז עס דארף זיין דער ענין פון אכילתו שלו,

ביז וזאנענט אז דאס איז דאך אן ענין מן התורה און ברכת הארץ: "ואכלת ושבעת" און אט דעמולט "וברכת".

זאגט אבער די גמרא אין דערויף א תנאי, אז "אסור לאדם שיטעום" (אדער ווי א צווייטער לשון: "שיאכל") "עד שיתן מאכל לבהמה, שנאמר ונתתי עשב בשדך לבהמתך (דערנאך שטייט) ואכלת ושבעת".

קומט אויס, אז ער קען ניט מקיים זיין דעם "ואכלת ושבעת וברכת את הוי' אלקיך" - אויב ער וועט ניט מקיים זיין "ונתתי עשב בשדך לבהמתך".

וואס אט דעמולט, איז דאך אט די קפדנות ניט מצד קמצנות, און ניט דערפאר וואס עס קען זיין אז א צווייטער וועט דערויף נכשל ווערן, נאר ער קען ניט צוקומען צו זיין ענין פון "ואכלת ושבעת וברכת" - בשעת די בהמה האט ניט קיין "מרעה טוב" איז דעמולט "אסור לאדם שיטעם (ויאכל)".

און אט דאס איז געווען דער ענין פון "מתא מחסיא". וואס דארט איז געווען דער "אתרא דקפדי", איז נאך דעם פירוש רש"י, וואס רש"י איז מפרש אז דאס האט מען געדארפט געבן עסן די בהמות - ווערט דאס אן ענין וואס "אתרא דקפדי הוא" ניט מצד לעו"ז, נאר דאס איז אן "אתרא דקפדי": זיי האבן מקפיד געווען אויף געבן מאכל לבהמה איידער זיי האבן מקיים געווען דעם ענין פון "ואכלת ושבעת", ווערט דאס אן ענין פון א סיום בדבר טוב.

וואס דערמיט איז פארשטאנדיק דער מהרש"א, וואס כאמור לעיל איז דאך לכאורה, וואס האט אונזגעהאלפן אז רש"י איז מסיים בדבר טוב; די מסכתא איז דאך מסיים בדבר בלתי טוב?

- לויט דעם פירוש רש"י ווערט דער ענין פון "אתרא דקפדי הוא": זיי האבן מקפיד געווען מקיים זיין די אזהרה פון "אסור לאדם שיאכל עד שיתן מאכל לבהמתו", און דערנאך ערשט קען זיין דער ענין פון יטעום ויאכל, "ואכלת ושבעת וברכת את הוי' אלקיך".

וואס דאס איז אויך דער קישור מיט התחלת המסכתא, וואס הויבט זיך אן, ווי דער רבי מהר"ש זאגט אין דעם "הדרן", אז דער ענין ס'איז דאך דא טאקע ד' אבות, איז עיקרם איז דאס ניט "שור" און ניט "בור" און ניט "הבער" נאר "מבעה", וואס דאס איז "זה האדם" ו"זה השור" - ווי די צוויי דיעות אין דערויף ,

איז ער אין דערויף מסיים אויך מיט "מתא מחסיא אתרא דקפדא הוא", וואס דארפן דעדט זיך וועגן דעם ענין פון "מבעה זה השור" - וועגן מאכל לבהמה, אדער "מבעה זה האדם" - "ואכלת ושבעת וברכת את ה' אלקיך", וואס דאס איז מתקן די "ד' אבות נזיקין", וואס זיי האבן זיך אנגעהויבן מיטן ענין פון אכילה: דער שרש ומקור אויף כל העניניס של היזק איז דאך גע-ווען פון חטא עץ הדעת,

וואס דער "חטא עץ הדעת" איז דאך ניט געווען "פן תגעו בו" - דאס האט געבראכט דעם היזק; דער חטא עה"ד איז געווען דוקא די אכילה פון עה"ד ניט די נגיעה בו,

אט די "מבעה", דער ענין פון אכילה פון חטא עה"ד, אט דאס איז גע-דער עיקר פון די ד' אבות נזיקין,

און אט דאס באווארנט מען דערנאך, אז ס'איז דא דער "ואכלת", אין וואס פאר אן אופן, ניט וואס "מברך ה'" אין אן אופן ח"ו וואס "מנאץ", נאר אין אן אופן וואס פארביט "וברכת את ה' אלקיך" - פונקט דער היפך פון חטא עה"ד, פון וואנענט עס האט זיך אנגעהויבן דער ענין פון ד' אבות נזיקין.

און אט דאס איז מען אויך מסיים ווי רש"י -

[דער רבי האט געזאגט כמ"פ אז אין רש"י איז דא פנימיות התורה, ברמזים ובתיבות ובאותיות],

וואס רש"י איז מסיים דוקא דער ענין פון "מרעה טוב":

דער כללות כל התורה כולה איז דאך, ווי ער זאגט אין תניא, אז די נפש האלקית לא ירדה למטה לתקן את עצמו, נאר וואס דען לתקן את הגוף ואת נפש הבהמית, און אין וואס פאר אן אופן האט זיך דאס געגומען - דערפאר וואס טבע הטוב להטיב און ער וויל ניט אז עס זאל זיין דער ענין פון "נהמא דכסופא", דערפאר וויל מען אז דער נה"ב און גוף זאלן ניט האבן סתם "מרעה", נאר זאל זיין אין אן אופן פון תכלית הטוב -

אט דאס איז דער ענין וואס "מתא מחסיא אתרא דקפדי הוא", דערפאר וואס דארט איז דא דער ענין וואס ס'איז דא א סאך "בהמות" - דער ענין פון גוף ונה"ב אין עוה"ז אין רשות הרבים, וואס דארט איז דא א סאך,

און זיי דארפן האבן דוקא "מרעה", און ניט סתם "מרעה", נאר טבע הטוב להטיב פון עצם הטוב - א "מרעה טוב",

וואס אט דעמולט קומט אראפ דער ענין פון "קפדי", אז עס דארף זיין די אכילה ניט ווי די אכילת עה"ד, נאר אכילה מיט א קפדנות און זהירות, אין אן אופן אז עס זאל זיין "ואכלת" אין אן אופן פון "ושבעת", וואס דעמולט קען זיין "וברכת את ה' אלקיך",

וואס דורך דערויף איז מען מתקן דעם חטא עה"ד, וואס ער איז דער שרש ומקור כל הנזיקין,

און דערפון קומט דערנאך אראפ, ווי דער רבי מהר"ש זאגט אין התחלת ה"הדרן" די לוחות האחרונות, וואס לוחות אחרונות איז דאך געווען נאך דערויף ווי ס'איז געווען דער חטא העגל, וואס ער איז בדוגמא פון חטא עה"ד, כמרומז בגמרא אין שבת, אז "בא נחש על חוה והטיל

בה זוהמא", און דערנאך איז חטא העגל איז דערנאך איז דאס נאכאמאל נתחדש געווארן -

איז בא די לוחות אחרונות, בא "פסל לך שני לוחות אבנים", האט דאס מתקן געווען, און האט דאס אראפגעבראכט דא למטה אין דעם עניין פון "מרעה טוב",

און וואו איז דאס? - דוקא אין "מתא מחסיא",

ווי דער מהר"ם שי"ף ברענגט אראפ אויף דערויף דעם זהר פון פרשה וירא, אז "מתא מחסיא" איז געווען א שטאט פון בעלי-תשובה,

ווי ער דערציילט דארט א גאנצן סיפור אין זהר וירא (אין "מדרש תנאים"), אן אריכות הסיפור, ווי אזוי רב אחא איז געקומען אין "כפר תרשא" - ווי דאס האט פריער געהייסן, און דערנאך האט מען דאס א נאמען געגעבן "מתא מחסיא" - ווען ער האט זיי מציל געווען פון דעם עניין החטא ועונש החטא, דורך דערויף וואס זיי האבן גענומען אויף זיך דעם לימוד התורה.

און דורך דערויף איז אויך געווארן דער שינוי, אז פריער האט דאס געהייסן "כפר תשרא", אן עניין של כפר, און דערנאך האט דאס געהייסן "מתא מחסיא" - אן עניין של עיר, ווי די גמרא זאגט אין אן אנדער ארט, אז "מתא מחסיא" איז אן עיר-כפר (?).

וואס איז דער חילוק פון "כפר" ביז "עיר" - איז דאך, ווי די גמרא זאגט (אין חגיגה), די נפק"מ פון ישעי׳ און יחזקאל, אז ס׳איז רא ווי א "בן כפר" רואה את המלך איז דאס ביי אים א דבר חידוש; א בן עיר, "בן כרך" רואה את המלך - איז ער געוואוינט דערצו, ער איז רגיל צו זיין מיטן מלך, ביז וואנענט אז דאס איז ביי אים גאר א דבר טבעי.

וואס דאס איז, דורך עבודת התשובה מאכט מען איבער, אז "כפר תרשא", וואס דארט איז די שליטה פון לעו"ז, ווערט דאס דעמולט אן עניין פון "מחסיא", אז מ׳איז מציל פון דעם עונש, דורך דערויף וואס מ׳איז מקבל אויף זיך דעם לימוד התורה ווי עס דארף-צו-זיין,

און דורך דערויף איז דאס אויך יוצא פון "כפר", וואס ביי אים איז אן עניין פון "מלכו של עולם" - א חידדש, און עס ווערט אן עניין פון "מתא", וואס דאס איז דער עניין פון "בן כרך", וואס ער איז רגיל ב"מלכו של עולם",

וואס דערפאר איז אויך דער דיוק, אז דוקא אין "מתא מחסיא" איז גע-ווען דער "אתרא דקפדי הוא",

וואס דאס איז אויך דער עניין פון עבודת פון בעלי-תשובה, אז מ׳מאכט איבער פון דער "בהמה" אז די זאל האבן "מרעה טוב", און פון דעם "אדם" אז ער זאל קענען דערנאך טאן "ואכל ושבעת" - כדי עס זאל זיין דער תיקון פון ד׳ אבות נזיקין - התחלת המסכתא, און דער תיקון פון דעם גאנצן עניין פון חטא עה"ד,

ביז "וברכת את ה׳ אלקיך על הארץ הטובה אשר נתן לך" - די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, בקרוב ממש. לחיים.

* * *

ג. (באמצע הנגינה שאחרי שיחה ב׳ יש הפסק, ואח"כ שומעים תיכף את כ"ק אדמו"ר שליט"א ממשיך כדלהלן, וכנראה חסר קצת)

אן אנדער דרגא מיט אן אנדער הויך (?) און אן אנדער בריטקייט, אז אנשטאט דעם וואס פריער האט דאס געהייסן כפר (כאן יש ג"כ הפסק, אבל כנראה שלא חסר כלום), מערניט ווי א דארף - איז נאך אט דעם תיקון - דער זהר